בס"ד

# תורת אביגדור

משיעורי ליל שישי של הגה"צ רבי אביגדור מיללער זצ"ל

פרשת שלה




## ציצית אונזער מעדאל

### ציצית-א סימבאל פון קעניגליכקייט

**ביים** סוף פון די וואכעדיגע סדרה ווערן מיר אנגעזאגט איבער מצוות ציצית, **"וראיתם אותו, וזכרתם את כל מצות השם ועשיתם אותם"**, און דו וועסט זען די ציצית, און געדענקען אלע מצוות פונעם אויבערשטן און עס מקיים זיין. (שלח ל"ט ט"ו). רוב פון אונז זענען באקאנט מיטן חז"ל (סוטה יז ע"א) וואס זאגט אונז: **'היה רבי מאיר אומר מה נשתנה תכלת מכל מיני צבעונין'**, וואס איז תכלת אנדערש פון אלע אנדערע קאלירן? 'מפני שהתכלת דומה לים וים דומה לרקיע ורקיע דומה לכסא הכבוד', ווייל די תכלת ענדלט אין דעם ים, און דער ים זעט אויס ווי די הימל, און די הימל איז ווי די כסא הכבוד.

ווען איר וועט זען די בלויע תכלת - וועט איר זיך דערמאנען פונעם כסא הכבוד אויף וואס דער אויבערשטער זיצט. הערט אייך גוט איין, מען דארף געדענקען נישט נאר דער אויבערשטער נאר אויך זיין שטול אויף וואס ער זיצט. מיר וועלן צוריקקומען צו דעם פונקט.

רש"י אויפן פלאץ זאגט אונז ווי אזוי די צאל בענדלעך און קניפן אין די ציצית העלפט אונז צו געדענקען שטענדיג די תרי"ג מצוות. ווי אזוי? זאגט אונז רש"י אז די גמטריא פון די ווארט ציצית איז זעקס הונדערט. ווען איר גייט אהיים קענט איר ארבעטן אויף דעם אויסצורעכענען, אז די אכט בענדלעך און פינף קניפן זענען נאך דרייצן צוזאמען קומט אויס 613 אקעגן די תרי"ג מצוות. קומט אויס אז די קאליר פון די ציצית דערמאנט אונז פונעם כסא הכבוד, און די נומערן ארום דעם דערמאנט אונז פון די תרי"ג מצוות, אבער דאס איז נאר א דרוש, וואס איז די פשוט פשט פון **והיה לכם לציצית... וזכרתם את כל מצוות השם**, ווי אזוי דערמאנט אונז די ציצית צו דינען דעם אויבערשטן?

ווייטער זאגט דער פסוק אז נישט נאר וועלן מיר געדענקען צו טון די מצוות נאר **"ולא תתורו אחרי לבבכם ואחרי עיניכם"**, מיר זאלן נישט נאכגיין אונזערע גלוסטעניש פונעם הארץ און פון אונזערע אויגן. וואס מיר זאגן דא איז, אז פשוט דורכ'ן אנטון דעם מלבוש מיט אפאר שטריקן וואס הענגען אראפ ביי די זייטן איז א סגולה, א מעדעצין קעגן אלע זינד. ווי אזוי ארבעט עס?

### קעניגליכע כבוד

**כדאי** צו פארשטיין די איבערדערמאנטע שאלה דארפן מיר קודם וויסן וואס ס'מיינט קעניגליכע כבוד פון א גשמיות'דיגע שטאנדפונקט. אין ענגלאנד ווען ס'קומט פאר א קעניגליכע פייערונג וואו די קעניג און קעניגין זענען אנוועזנד, לאדענט מען איין אלע דעליגאטן און דיפלאמאטן פון איבער די וועלט. און די ענגלישע נאבאלע לייט קומען אויך אנטיילנעמען אין די גרויסארטיגע פייערונג. פארשטייט זיך אז יעדער קומט אנגעטון ווי עס פאסט, יעדער מיט זייערע מעדאלן און בענדלעך וואס הענגען אראפ איבער זייערע

אקסלען און איבער זייער האלז, ווי מער שמאנצעס אלץ מער חשוב. צווישן די באטייליגטע זענען דא די זעלכע אויסדערוועלטע באדינער וועלכע האבן אויך פארשידענע מעדאלן און צייכענונגען וואס באצירן זיי. די איינציגסטע חשיבות וואס זיי האבן איז, אז זיי האבן אין די פארגאנגענהייט זוכה געווען אנצובינדן די גומי אויף די זאקן פונעם קעניג אליינס. און דאס איז א פריוויליגיע וואס נישט יעדער האט זוכה געווען. מענטשן פלעגן זיך לאזן קאסטן אסטראנימישע סכומים געלט וואס זיי האבן געשמירט די קעניגליכע מיניסטארן אז מען זאל זיי לייגן אויפן רשימה פון די מענטשן וואס וועלן צובינדן די זאקן פונעם קעניג אדער טון אנדערע ענליכע משרת ארבעט. און די גליקליכע וואס האבן באקומען די פריוויליגיע, האבן שוין נישט געקענט שלאפן אפאר וואכן פארדעם פון גרויס התרגשות, אז זיי וועלן קענען האבן די זכי'ה צו באדינען דעם קעניג. און נאכדעם וואס ער האט שוין איינמאל אין לעבן זוכה געווען צוצובינדן די זאקן פונעם קעניג, האט ער זיך שוין אלעמאל ארומגעטראגן מיט א מעדאל. נעבעך פאר אזא כבוד. די משרתים זענען ארומגעגאנגען מיט לאנגע קליידער און עלעגאנטע היטן באצירט מיט פעדערן. ווען מענטשן האבן זיך אריינגעשטופט פעדערן אין זייערע היטן איז דאס נאר געווען נאכצומאכן די עלעגאנטע חברה. און אט די אויסדערוועלטע זענען געגאנגען מיטן קאפ אין דער הויך און מיטן גאנצן קנאק און גאוה.

און ווען ער וואלט געדארפט אויסקלייבן ווער זאל זיין זוכה צו באדינען דעם קעניג, אבער אין די אמת'ע מציאות ווען זיי זענען אויסגעקליבן געווארן פון יענע קעניגליכע משפחה? א שיכור, א רוצח, א נידערטרעכטיגע באנדיט וואס האט איינעם דערמארדעט צו באקומען דעם טראן. זיין קעניגליכקייט האט ער נישט באקומען צולוב זיינע גוטע מידות נאר דורך שלעכטיגקייט און צוואנג. איך וועל ענק דערציילן ווי אזוי עס האט זיך אנגעהויבן די ענגלישע 'ראיעל' דינאסטיע. מיט יארן צוריק איז געווען אין סקאטלאנד א מענטש וואס איז געווען מער רשעות'דיג ווי זיינע קאלעגעס און מיטארבעטער, און האט איבערגענומען די מאכט פון זיין גרופע. און נאכן באגיין פארשידענע קרימינאלן האט ער מצליח געווען זיך צו בויען א פאלאץ און ווערן פון די רייכסטע מענטשן אין סקאטלאנד, אויף א פארנעם אז ער האט זיך שוין געקענט משדך זיין מיט די ענגלישע קעניגליכע משפחה. ווען די צייט איז געווען רייף האט דער באנדיט געדינגען איינער וואס זאל ערלעדיגן זיין מחותן, דער ענגלישע קעניג, און אזוי האט ער זוכה געווען צו ווערן קעניג. און ווען דער 'נאבאלע' באשפעניש איז אויפגעשטאנען אינדערפרי מיט זיינע פודזשאמעס און האט אויסגעשטרעקט זיין פוס, איז געקומען דער "אויסדערוועלטער באדינער" און האט אנגעקניפט די גומי פון די זאקן... א גליק אויף זיין קאפ!

## אן ארבעט אין דעם ווייסן הויז

**מיר** וועלן בעסער פארשטיין דעם משל ווען עס קומט פאר אין אונזערע צייטן. ווען איר ארבעט פאר א בעל הבית וואס איז נישט קיין חשוב'ער פערזענליכקייט וועט איר נישט שפירן א חשיבות אין אייער ארבעט. אבער ווי איז ווען אייער אויבערהאר איז פון די יחידי סגולה? דעמאלטס וועט איר זיך שפירן גליקליך מיט יעדע פעולה וואס איר טוט.

אויב דער פרעזידענט פון די פאראייניגטע שטאטן וועט אייך אויסוועלן צו זיין זיין רעכטע האנט וועט דאס זיין א כבוד פאר אייך וואס האט נישט קיין גרעניץ. איר וועט זיך שפירן גליקליך צו זיין דער אויסדערוועלטער פון די אנדערע מענטשן פון לאנד צו העלפן דעם שטערקסטן מאן פון לאנד צו אויסצופירן זיינע פליכטן. יעדע פעולה און החלטות וואס איר וועט מאכן האט אן ערך. דער פרעזידענט וועט אייך שענקען א ספעציעלע מעדאל וואס וועט אייך כסדר דערמאנען אייער שטאנד.

צווישן אונז גערעדט, ווער איז באמת דער פרעזידענט? א מנוול, א גארנישט. פארשטייט זיך אז אפילו ווען מען זעט פארפוילטקייט ביי די רעגירונג דארפן מיר בלייבן ארענטליך אבער אין הארצן ווייסן מיר פונקטליך ווער זיי זענען. א גוי בלייבט א גוי אפילו ווען ער איז אויסגעוועלט געווארן

פאר פרעזידענט. ער איז נאך אלץ דער נידערטרעכטיגער פארשוין. אלזא, צו זיין א געהילף פאר דעם גוי איז נישט עפעס וואס א איד האט וואס זיך צו גרויסן דערמיט!

## ממלכת כהנים וגוי קדוש

**יעצט** וועל איך ענק איינמעלדן ווער זענען די ריכטיגע באדינער׳ס פונעם קעניג, דאס זענען די בני ישראל וועלכע זענען אויסדערוועלט געווארן פון די אנדערע פעלקער צו דינען דעם מלך מלכי המלכים, דער אמת׳ער קעניג; דער קעניג פון די גאנצע וועלט. און פארדעם דאנקען מיר דעם אויבערשטן. אלע ברכות אין שמונה עשרה זאגט מען צו דאנקען, אויף וואס דאנקען מיר ביי די ברכה פון הקל הקדוש? אין מיין ספר אויף תפילה איז דא דריי תשובות, איך וועל דא ברענגען איינס, מיר דאנקען דעם אויבערשטן אז מיר האבן אזא גרויסע גאט. און דעם גרויסן קעניג האבן מיר די זכי׳ה צו דינען.

מיר זענען ׳עם השם׳ און קיינער מער נישט. און זאג נישט אז אלע פעלקער זענען קינדער פון דער אויבערשטער. זיי נישט קיין ליבעראלער דעמאקראט, האסט נישט קיין רעכט צו טיילן כיבודים... **שלא עשנו כגויי הארצות ולא שמנו כמשפחות האדמה**.

עס שטייט אין ישעי׳ה (מ. טו), און מען זאגט עס יעדן צופרי ביים דאווענען, **הן גוים כמר מדלי**, די גוים זענען ווי א טראפ וואס טריפעט אראפ פון אינדרויסן פון א פאס. ווען איר ציט ארויס א פאס וואסער פון ברינעם אין אונטער דעם טראפט אראפ א טראפ וואסער וועט דאס עפעס אויסמאכן? און **כשחק מאזניים נחשבו**, אזוי ווי די שטויב פון א וואגשאל זענען די פעלקער צו מיר - זאגט דער אויבערשטער. ווען מען לייגט סחורה אויפן וואגשאל אפצווועגן און דערנאך נעמט איר דאס אראפ וועט איבערבלייבן אביסל שטויב, דאס איז וואס די פעלקער פון די וועלט זענען, אביסל שטויביגע איבערבלייבעניש. און מיר זענען די סחורה פון וואס דער אויבערשטער איז אינטערעסירט.

די שטאלץ וואס מיר דארפן שפירן איז אונזער עיקר אמונה. דאס איז אזא וויכטיגע נקודה וואס פאדערט אזויפיל ארבעט דאס צו אויסצוארבעטן אז אפילו צווישן די פרומע איז דאס נישט געהעריג איינגעזאפט. ווייל היינטיגע צייטן אין א דעמאקראטישע וועלט וואו יעדער, גוים צוגלייך אידן להבדיל שטעלט מען אויף די זעלבע מדריגה. ס׳איז נישט גרינג איבערצורעדן מענטשן איבער דעם וויכטיגע נקודה פון שלא עשני גוי, איך רעדט שוין נישט פון מאכן אז זיי זאלן עס שפירן, נאר אפילו זיי איבערצייגן אז סאיז אן אמת׳ע נקודה איז אן עבודה!

## בני מלכים

**לאמיר** חזר׳ן דברי חז״ל צו פארשטיין בעסער, און נישט נאר פארשטיין בעסער נאר אריינגעמען אין אונזערע וועגן וואס דאס מיינט צו זיין די אויסדערוועלטע צו שטיין צום דינסט פון השי״ת. די גמרא אין שבת (קכח ע״ב) ברענגט אן אינצידענט פון א מענטש וואס האט געבארגט געלט וואס ער האט נישט געקענט באצאלן. דעם זעלבן מענטש האט מען באגעגנט אנגעטון מיט א טייערן פעלץ. די בעלי חובות זענען געקומען פארן בית דין אריינגעבן א קלאגע אז ס׳איז נישט קיין יושר אז דער מענטש זאל זיך קליידן ווי א קעניג ווען ער קען נישט באצאלן זיינע חובות. זיי האבן געפאדערט אז דער בית דין זאל צווינגען דעם מענטש צו פארקויפן דעם פעלץ און באצאלן זיינע חובות און מיט די געלט וואס בלייבט אים נאך איבער קען ער זיך קויפן אן אנשטענדיגע מאנטל וואס פאסט זיך בעסער פאר דעם מענטשנ׳ס שטאנד...

צווישן די דיינים זענען געווען צוויי צדדים, א חלק האבן געהאלטן מיט די בעלי חובות אז ער האט זיך נישט וואס צו באצירן מיט א טייערן פעלץ ווען ער איז שולדיג פאר מעטשן געלט. אבער דער תנא רבי עקיבא האט געהאלטן אנדערש, ״איר טענ׳ט אז דער מענטש האט א קעניגליכע

מלבוש וואס פאסט אים נישט? אבער דאס איז נישט קיין ריכטיגע טענה ווייל כל ישראל בני מלכים הם, יעדער איד איז א קינד פון קעניג. '**כל ישראל ראויין לאותה איצטלא**', אלע אידן זענען פאסיג פאר די קלייד. די טייערע פעלץ איז די ריכטיגע מלבוש וואס פאסט פאר דעם מענטש, און מען קען נישט אוועקנעמען א מענטשנ'ס בגדים צו באצאלן א חוב.

ס'איז וויכטיג צו פארשטיין אז מיר רעדן נישט ארום די הלכה'דיגע חלק דא. אין פראקטיק קען זיין אז מען גייט נישט נאך דעם פסק פון רבי עקיבא ווייל צו קענען ווערן אנגערופן 'קעניג' מוז מען קודם באצאלן חובות! איינער וואס צאלט נישט זיינע חובות פירט זיך אויסדריקליך נישט אויף ווי א קעניג און דערפאר דארף ער זיך נישט באקליידן מיט קעניגליכע קליידער.

אבער דער געדאנק פון רבי עקיבא איז וויכטיג פאר אונז צו וויסן. אז **כל ישראל בני מלכים הם**, יעדער איד איז ווערד א קעניגליכע באנעמונג, דער פעדלער, דער מענטש מיט צושליסענע קליידער, ער איז אויך א פרינץ נאר איז פארשטעלט מיט אומפאסיגע קליידער. אפילו דער **היפי** מיט זיינע לאנגע האר וואס זעט אויס ווי דער קאץ האט אים דא ארייגעשלעפט, איז אויך א פרינץ. מען דארף אראפנעמען זיין מעיק-אפ און פארשטעלאכץ, און ארויסנעמען זיין נשמה וואס איז א חלק פונעם אויסדערוועלטע עם ישראל. יעדער איד, נישט קיין חילוק פון זיין שטאנד פארדינט זיך א קרוין, און אלע צוגעהערן וואס קומט צו קעניגליכקייט. דאס איז דער וועג צו קוקן אויף יעדן איד און אויף זיך אליינס. ס'איז נשט געגוג צו זאגן: "איך בין שטאלץ צו זיין א איד נאר מען דארף עס פארשטיין".

## ציצית איז אונזער צייכן פון אריסטיקראטיע און קעניגליכקייט

**יעצט** קענט איר שוין פארשטיין פארוואס מיר האבן ציצית. אונזער ציצית איז אונזער סימן פון קעניגליכקייט וואס איז אונז געשאנקן געווארן דורך דער מלך מלכי המלכים. דער איבערשטער האט אונז געזאגט: "איך שענק דעם גרויסן זכיה צו אנטון ציצית. פאר א גוי איז פארבאטן זיך צו באצירן מיט ציצית, ער מעג נישט גיין איבער גרעניצן וואס באלאנגט נישט צו אים. ס'איז נאר אונזער פריוויליגיע זיך צו באקליידן מיטן סימן וואס צייגט אז **כל ישראל בני מלכים הם**. די ציצית ווייזט אז מיר זענען אויסדערוועלט געווארן צווישן ביליאנען מענטשן פון דער וועלט צו שטיין פארן פאלאץ פונעם קעניג און אים דינען בייטאג און ביינאכט.

הקדוש ברוך הוא זאגט: **"והיה לכם לציצית"**, דאס זאל זיין דיין מעדאל פון כבוד. להבדיל, אנדערש ווי די אנדערע וואס טראגן מעדאלן וואס איז זיי געגעבן געווארן דורך מערדערס, באנדיטן, און קרימינאלן, טראגן מיר די ציצית וואס איז אונז געגעבן געווארן דורך דער מלך פון אלע מלכים וואס איז א סימן פון א קעניגרייך פון אמת און ישרות.

ס'שטייט אין פסוק: "**ויאמר השם אל משה לאמר דבר אל בני ישראל ואמרתם אליהם ועשו להם ציצית**", און נאכדעם שטייט נאכאמאל, **"והיה לכם לציצית"**, און ס'זאל זיין פאר דיר ציצית. די ווערטער זעט אויס ווי איבעריג, סשטייט שוין פריער **"ועשו להם ציצית"**... דער פסוק זאגט שוין וואס צו טון פארוואס דארף מען איברזאגן: "והיה לכם לציצית"?

יא, די ווערטער זענען זייער וויכטיג! **והיה לכם לציצית**, און עס זאל זיין פאר דיר א מעדאל פון כבוד און אריסטיקראטיע. דערפאר, אויסער די מצוה פון ציצית "זאל עס זיין פאר דיר אלס ציצית", זאלסט שטענדיג קוקן אויף די ציצית ווי א מעדאל פון קעניג. יעצט קענען מיר שוין פארשטיין וואס ציצית איז, א סימן פון קעניג אז מיר זענען זיינע באדינערס.

## ציצית אין עפענטליכקייט

**ביז** לעצטנס פלעגט יעדער טראגן די ציצית אינדרויסן, אבער היינט שעמט מען זיך און מען פארשטעקט עס אז קיינער זאל נישט זען. אייער ציצית, יארמילקע, הוט, טיכל פאר פרויען, די אלע זאכן זענען אייער קרוין פון קעניגליכקייט. אויף דעם דאנקען מיר יעדן טאג: "עוטר ישראל בתפארה". דער אויבערשטער האט באקרוינט זיינע אידן מיט שיינקייט.

ווער שעמט זיך מיט א קרוין? שטעל זיך פאר אז א קעניג זאל אייך געבן א מעדאל, וואלט איר דאס ארויפגעפינט אויף אייער אונטערוועש אנשטאט אייער רעקל?! וואס איז די זאך פון ארײנשטעקן די ציצית אין די הויזן? טראג זיי אנדרויסן. ס'איז אייער כבוד און הנאה, און ווען איר זעט די ציצית פון אנדערע אידן אינדרויסן זאל אייער הארץ ווערן פול מיט שטאלץ.

ווען איך פאר צומאל אויפן באס קען זיך מיינע ציצית ארויסשטעקן פון מיין מאנטל. זענען דא מענטשן וואס קוקן מיר אן בייז מיט אויגן וואס טאנצן ארויס פון זייערע לעכער. זיי שעמען זיך מיט מיינע ציצית קעגן די אנדערע רייזענדע. וואס טו איך? איך נעם ארויס מיינע ציצית אינגאנצן, זאלן זייערע אויגן אינגאנצן ארויסגיין פון זייערע לעכער...!

## זען און טון

**טראגן** די ציצית מיט שטאלצקייט איז נאר דער אנהייב. ווען איר וועט טראגן די ציצית מיטן אנערקענונג אז איר זענט א חלק פון 'עם השם' וועט זיך אויפוועקן אין אייער וועזן א ווילן זיך צו פירן ווי א קינד פונעם קעניג. איר וועט האבן אחריות צו פירן אייער לעבן לויט די געזעצן פונעם קעניג. נאר דאן וועט איר קענען גערעכנט ווערן ווי א מעמבער פונעם קעניג'ס פאלאץ.

יעצט פארשטייען מיר וואס דער פסוק מיינט: "איר וועט זען די ציצית און איר וועט געדענקען די מצוות פון השי"ת". ווען איר וועט שטרעבן צו זיין א נאנטער בן מלך, איר וועט שטענדיג האבן פאר די אויגן דעם כסא הכבוד, וועט דאס אייך צוברענגען צו **וזכרתם את כל מצות ה'**, איר וועט זוכן יעדע געלעגנהייט צו טון רצון השם און מאכן א נחת רוח פארן גרויסן קעניג וואס זיצט אויף זיין קעניגליכע שטול.

דערפאר איז מצות ציצית אזוי גרויס ווי אלע מצות, **'שקולה מצוה זו כנגד כל המצוות כולן'**, ווייל ווען די ציצית איז אינדרויסן פאר יעדן צו זען, דערמאנט עס פון די גרויסקייט פון עם ישראל צו דינען דעם קעניג פון אלע קעניגן.

איר זאלט וויסן אז איך רעד צו פרויען פונקט אזוי ווי צו די מענער. דער פאקט אז פרויען דארפן נישט אנטון ציצית פטר'ט דאס זיי נאכנישט פון די גרויסקייט וואס מען קען קונה זיין פון די מצוה. פרויען זענען נישט ווייניגער א חלק פונעם **ממלכת כהנים וגוי קדוש** ווי מענער. און זיי קענען אויך צוקומען צו וואס מיר האבן דא ארומגערעדט אפילו אן טראגן די ציצית. ווען און וואו זיי גייען זאלן זיי מאכן נוצן פון די ציצית וואס זיי זעען אינדרויסן.

די גמרא זאגט אז א בלינדער מענטש איז אויך מחויב אין מצות ציצית. פרעגט די גמרא: "אבער דער מענטש קען דאס אבער נישט זען? ענטפערט די גמרא: **"יש לו בראיה אצל אחרים"**, אנדערע מענטשן וועלן זען די ציצית און דאס איז גענוג. דער בלינדער מענטש וועט טון די ארבעט, ער וועט שוויצן אין די הייסע זומער טעג און די פרויען וועלן זען די ציצית און ווערן נענטער צום אויבערשטן.

קומט אויס אז יעדער קען ערגרייכן צו גרויסקייט דורך די מעדאלן פון אריסטיקראטיע וואס די מענער טראגן אויף זיך. די גרויסקייט וואס ליגט אין די ציצית איז צוגעשטעלט פאר יעדן איינעם אפילו פאר די וואס טראגן עס נישט.

## ולא תתורו

**יעצט** קענען מיר ענטפערן די שאלה וואס מיר האבן געפרעגט אויבן וועגן די סגולה פון ולא תתורו. עס שטייט נישט "ולא תסורו" וואס וואלט געמיינט איר זאלט זיך נישט קערן צום זייט, נאר "ולא תתורו", איר זאלט נישט ארויסקוקן, איר זאלט נישט זיין א שפיאן; קוק נישט אין ערגעץ. ווייל די כוונה דא איז נישט צו ווארענען קעגן זיך אינגאנצן אוועקקערן פונעם אויבערשטנ'ס וועגן. דער אויבערשטער רעדט דא פון עפעס וואס קומט בעפאר מען קערט זיך אינגאנצן אוועק, דאס זענען די מחשבות און געפילן וואס איז אן הקדמה פון זיך אוועקקערן פון באשעפער.

ווען איינער פארשטייט אז **כל ישראל בני מלכים הם** און די ציצית וואס מען טראגט איז א מלבוש פון קעניגליכקייט און אריסטיקראטיע, דעמאלטס וואס איז דא צו קוקן אויף אנדערע? איר דינט דעם מלך מלכי המלכים און איר וועט קוקן אויף די "**אויסדערוועלטע באדינער**" פונעם נידערטרעכטיגן קעניג?! ווען איינער קוקט אויף די ציצית ווי עס באדארף צו זיין, דאן איז ולא תתורו. אויסדריקליך!

ווען מיר זענען באוואוסטזיניג אז מיר האבן א חשוב'ע ארט אויף דער וועלט, וועט דאס אונז צוברענגען אויסצופירן זיינע מצוות **למען תזכרו ועשיתם את כל מצותי**. דורך די ציצית וועט זיין **והייתם קדושים לאלוקיכם**, איר וועט ווערן הייליג וואס וועט אייך ברענגען נענטער צום אויבערשטן, איר וועט ווערן הייליג צו אויבערטשן. ביים סוף פון דעם פסוק איז דא אן אויסדרוק פון קרבת אלוקים און די קרבה, די נאנטקייט, איז די גרעסטע סוקסעס וואס א מענטש קען דערגרייכן. ווי דוד המלך זאגט אין תהלים, **ואני קרבת אלוקים לי טוב**, צו זיין נאנט צו אויבערשטן איז מיר גוט.


בעת **שמחה** ווען איר ווילט ארויסווייזן
אייער **הכרת הטוב** פאר השי"ת

אדער ווען איר נוטיגט זיך אין א **ישועה**

ניצט אויס די כח פון **מזכה זיין**
און טוהן **חסד** מיט הונדערטער אידן
אריינצוברענגען אין זיי **חיות** און **דעת**

צו מנדב זיין "תורת אביגדור" רופט:
**845-213-7571**

לויט וויפיל געלט אזויפיל קאפיס קענען מיר מאכן

## צו באשטעלן ביי אונז
## קונטרסים גליונות פאר:

שבת באווארפן / שבת שבע ברכות,
שבת התוועדות, אא"וו.

מיט די תפילות, קריאת התורה,
זמירות און ברהמ"ז

**לויט אייער פארלאנג,**

פארבינדט אייך מיט אונז ווי פריער אין וואך

615.680.9029
gilyonosshabbos@gmail.com

**ליינט די גליון יעדע**
**וואך אין די קונטרס**
**"גליונות לשב"ק",**



# די ליכט פון שבת קודש

## שאלה:

**די גמרא אין מס' שבת** (כג. ע"ב) **זאגט אז ווען איינער איז פארזיכטיג מיט ליכט צינדן פאר שבת וועט ער האבן קינדער תלמידי חכמים. וואס איז דער צוזאמענהאנג?**

## תשובה:

**מיר** צינדן די נרות שבת צו מכבד זיין דעם שבת וואס איז דער יסוד היסודות, דער גרינדשטיין פון אלע גרינדשטיינער. בריאת העולם יש מאין, די וועלט באשאפונג וואס איז באשאפן געווארן פון גארנישט איז די וויכטיגסטע נקודה. **בדבר השם שמים נעשו וברוח פיו כל צבאם**, דאס איז וואס דער שבת קומט אונז זאגן אז פון גארנישט הוא אמר ויהי, האט השי"ת געזאגט און ס'איז צושטאנד געקומען (תהילים לג. ט).

**דער** איבערשטער האט געגעבן א באפעל און ס'איז געווארן... און עס וועט מער קיינמאל נישט ווערן א באשאפונג פון גארנישט. ס'איז אן איינמאליגע זאך אז עס זאל עפעס ווערן פון א גארנישט. און דאס איז וואס שבת קומט אונז דערמאנען, 'זכר **למעשה בראשית**', שבת איז דער טאג וואס מען טראכט פון דעם.

**יעצט**, ווען איר צינדט די שבת ליכט, הייבט איר אן דעם פייערונג פון דעם גרויסן טאג און איר שיינט אריין אַן אור אין די מוחות פון אייערע קינדער. עס דרינגט אריין אין זיי דער געדאנק אז הקדוש ברוך הוא איז דער יסוד היסודות פון א יעדע הוה, און דער גאנצע וועלט איז גארנישט, נאר זיין ווילן און דאס איז די וויכטיגסטע זאך וואס דארף אריינשיינען אין אייערע מוחות.

**שאלות און תשובות**

**מיט**

**ר' אביגדור מיללער זצ"ל**

**און** ווען די שבת ליכט שיינען אריין אין אייערע מוחות, וועלן אייערע קינדער אויפשיינען די וועלט מיט זייערע גוטע מידות און דער איבערשטער וועט זאגן:

"**אויב** די צושפרייטסטע לעכטיגקייט וועל איך דיר געבן לעכטיגקייט." דאס איז די גרויסקייט פון נרות שבת.

**נדבת השבוע - פ' שלח**

נתנדב לע"נ הרה"ק רבי ישכר בער מראדאשיץ זי"ע

ולע"נ הרה"ק רבי ישעי' ב"ר משה זי"ע

זכות הלימוד יעזור ויגן ויושע להנדבן החשוב הי"ו להתברך בכל מילי דמיטב

בקשה שלא לעיין בשעת התפלה

מהדורת אחת שאלתי

כל הזכויות שמורות

בעריכה מיוחדת לקונטרס "גליונות לש"ק"